**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול רופט אויס קאנטראל אויף אומפעאיגע דרייוון און ווילדע דרייוון די מאמאריעל טאג

***בוי ארבעט-געבינדענע צייטווייליגע לעינס פארמאכונגען אין NYS הייוועיס איז געווארן אפגעלייגט פאר די חגא ענדע וואך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויסגערופן אז ניו יארק פאליציי, צוזאמען מיט לאקאלע און קאונטי געזעץ אינפארסירונג לענגאויס די סטעיט, וועט פארמערן פאטראלס אפצושטעלן אומפעאיגע דרייוון צוליב דראגס און ווילדע דרייוון דורכאויס מעמאריעל טאג ענדע-וואך. די STOP-DWI אינפארסירונג צייט-אפשניט הייבט זיך אן 6:00 PM פרייטאג, מאי 24, 2024, און גייט אן ביז 11:00 PM מאנטאג, מאי 27, 2024. מאמאריעל טאג איז איינער פון די פארנומענסטע האלידעיס פון די יאר און פאליציי וועט זיין אינדרויסן מיט כח אוועקצוטראגן אומפעאיגע און ווילדע דרייווערס פון אונזערע הייוועיס.

"מעמאריעל טאג ענדע-וואך צייכנט אן די אנהייב פון די זוממער דרייוון סעזאן, און מיר ווילן פארזיכערן אז יעדער קומט אן צו וואו זיי גייען זיכערערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בעט אלע מאטאריסטן צו דרייוון מיט פאראנטווארטליכקייט און זיך נישט זעצן אויפ'ן רעדל אויב דו האסט געטרינקען. אומפעאיגע דרייוון ווערט נישט טאלערירט אין ניו יארק סטעיט."

כדי צו פארגרינגערן דאס רייזע אין פארלויף פון די ביזי האלידעי וויקענדס, וועלן צייטווייליגע לעין פארשליסונגען צוליב שאסיי און בריק בוי ארבעט פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס ווערן אפגעשטופט אנגעהויבן 6 AM פרייטאג, מאי 24 ביז 6 AM דינסטאג, מאי 28.

מאטאריסטן זאלן זיין אויפמערקזאם אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע ווענט פאר עמערדזשענסי פאררריכטונגען. דאס אפלייגן פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס דרייווער'ס פירסט איניציאטיוו, וועלכע פריאריטיזירט דאס באקוועמליכקייט פון דרייווערס כדי צו פארמינערן טרעפיק לאסט און רייזע פארשפעטיגונג צוליב ארבעט אויף שאסייען און בריקן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיוון ג. דשעימס האט געזאגט,** "בשעת מיר נעמען די צייט די מעמאריעל טאג מכבד צו זיין די וואס זענען געשטארבן אין דינסט צו אונזער לאנד, מוטיגן מיר אלע מאטעריסטן צו מאכן זיכערהייט זייער נומער איינס פריאריטעט. טראגט אייער סיטבעלט, בלייבט אויפמערקזאם און, מער פון אלעם, דרייוו'ט ניכטער. אויב איר האט געטרינקען, זעצט אייך נישט אויפ'ן רעדל פון סיי וועלכע וויהיקל - אנשטאט דעם, פלאנט אויס א זיכערע וועג אהיים. אפיצירן וועלן זיין זייער זעעבאר און וועלן נישט האבן קיין שום טאלעראנץ פאר אומפעיגע און ווילדע דרייווערס."

**דעפּאַרטמענט פון מאָטאָר וויהיקלס קאָמיסיאָנער און גאַווערנערס טראַפיק זיכערהייט קאָמיטעי טשעיר מארק י.פ. שראָדער האט געזאָגט,** "מיר ווילן איר זאָלט געדענקען אייער מעמאָריעל טאָג וויקענד פאַר אַלע ריכטיגע סיבות: געדענקען די וואָס האָבן אָוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר אונזער לאַנד, הנאה האָבן פון צייט פאַרבראַכט מיט פריינט און פאַמיליע, און אַריינטרעטן אין אייער זומער. מיר ווילט נישט איר זאָלט עס געדענקען פאַר די אומריכטיגע סיבות: ווערן אַרעסטירט, צוקראַכן אייער וויהיקל, אָדער שעדיגן אייך אָדער אַנדערע. ביטע זייט פאַרזיכערט און דרייוווט נישט בשעת איר זענט אומפעיג."

**טרו-וועי אויטאָריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאָר פראַנק ג. האָאַר האט געזאָגט,** "א טרו-וועי אויטאָריטעט מעינטענענס אַרבעטער איז טראַגיש געטויטעט געוואָרן, און אַן אַנדערע איז ערנסט געשעדיגט געוואָרן פריער אין די חודש ווען ער האט זיך אַנגעקלאַפּט אין א טראַקטאָר טרעילער אין אַן אַרבעט זאָנע. זיכערהייט איז אונזער העכסטע פּריאָריטעט, און זיכערע דרייוון זאָל אויך זיין א פּריאָריטעט פאַר יעדע מאָטאָריסט. פאַרשטייטערט אייער פאָרן און ריקט זיך ווען איר זעט וויהיקלס ביים זייט פון די ראָוד. אונזערע איינגעשטעלטע און עמערדזשענסי פּערזענליכקייטן ווען נאָך זיין אינדרויסן צו העלפן מאָטאָריסטן איבער די האָלידעי וויקענד. מיר דאַנקען אונזערע פּאַרטנערס ביי ניו יאָרק סטעיט פּאָליציי טרופּ T פאַרן פאַטראָלירן די טרו-וועי און האַלטן מאָטאָריסטן פאַרזיכערט."

**ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע קאָמיסיאָנער מערי טעריז דאָמינגאָז האט געזאָגט,** "עס איז אונזער ציל ביי די דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע צו מאַכן דאָס פאָרן אַלס פּאַראויסגעזען און פאַרזיכערט ווי מעגליך, ספּעציעל דורכאויס די טעג פון הויכע טראַפיק מאָסן. אָבער אַפילו מיט די פּאַזע פון ראָוד אַרבעט, איז לעבנסוויכטיג אַז דרייווערס זאָלן טון זייער חלק צו האַלטן יעדן פאַרזיכערט. לייגט אַראָפּ אייערע פאָונס, לייגט אַלעמאָל צו קאָפּ, און פאַרשטייטערט אייער פאָרן און ריקט זיך ווען איר זעט וויהיקלס ביים זייט פון די ראָוד. לאָמיר אַרבעטן צוזאַמען צו פאַרזיכערן אַז יעדער קומט אָן צו זייערע דעסטינאַציעס אויף א פאַרזיכערטן אופן די האָלידעי וויקענד."

דרייווערס קענען ערוואַרטן צו זען אויסזיכונג-ערטער און פאַרמערטע פּאַטראָלס דורך סטעיט פּאָליציי צוזאַמען מיט לאָקאַלע און קאַונטי געזעץ אינפאָרסירונג עידשענסיס דורכאויס די האָלידעי וויקענד. טרופּערס וועלן נוצןביידע אַנגעצייכנטע סטעיט פּאָליציי וויהיקלס און באַהאַלטענע אידענטיטי טראַפיק ענפאָרסמענט (Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) וויהיקלס אַלס א טייל פון די קאָנטראָל גרינגער צו אידענטיפיצירן מאָטאָריסטן וועלכע האָבן פאַרלעצט די געזעץ. CITE וויהיקלס ערלויבן די טרופּערס צו זען בעסער אַפּגעווענדעטע דרייווינג פאַרלעצונגען. די וויהיקלס ווערן איינגעגלידערט מיט טראַפיק, אָבער ווערן דערקענט אַלס עמערדזשענסי וויהיקלס ווען די עמערדזשענסי ליכט אַרבעט.

די באַנייאונג איז טיילווייז געפאָנדעט דורך די GTSC. די GTSC און די ניו יאָרק סטעיט STOP-DWI אויטאָריטעט דערמאָנט מאָטאָריסטן אַז זייער ["האָב א פּלאַן" מאָביל עפּפּ](), איז צוגעשטעלט פאַר עפּל, ענדרויד און ווינדאָוס סמאַרטפאָונס. דער עפּ ערמעגליכט פאַר ניו יאָרקער צו טרעפן און רופן א טעקסי אָדער רייד-שעיר סערוויס און פּראָגראַמירן א דעזיגנירטע דרייווער ליסטע. עס גיבט אויך אינפאָרמאַציע איבער DWI געזעצן און שטראָפן און אַפילו א וועג צו באַריכטן פאַרדעכטיגטע שיכור'ע דרייווערס.

אויף מאַמאָריעל דעי וויקענד אין 2023, האָבן טרופּערס אַרעסטירט 194 מענטשן פאַר'ן דרייוון בשעת'ן זיין אומפעיג, אַרויסגעגעבן 13,471 טיקעטס סך הכל, און אַריינגעקוקט אין 839 קראַכן, מיט נישט קיין פאַטאַלע קראַכן איבערגעגעבן. אין צוגאָב צו די ניו יאָרק סטעיט פּאָליציי, האָבן מערערע קאַונטיס און עידשענסיס דורכאויס די סטעיט אויך מיטגעאַרבעט אין לעצטע יאָר'ס מעמאָריעל טאָג קאָנטראָל.

מאָטאָריסטן זאָלן אויספאָלגן די סטעיט'ס ריק אַריבער געזעץ, וועלכע איז געוואָרן [אויסגעשפּרייט]() אין מערץ אַריינצונעמען אַז דרייווערס זאָלן פאַרשטייטערן זייער פאָרן און זיך אַריבערריקן פאַר אַלע וויהיקלס

וואס האבן זיך אפגעשטעלט לענגאויס די ראודוועג אריינגערעכנט געזעץ אינפארסירונג וויהיקלס, פייער טראקס, אמבולאנסן, טוי טראקס, מעינטענענס וויהיקלס און געשעדיגטע וויהיקלס וואס זענען אפגעשטעלט לענגאויס ראודס דורכאויס די סטעיט.

אזויגערופענע 'טעקסט סטאפס' – אריינרעכענענדיג 'פּארק-ענד-רייד' פלעצער, רעסט עיריעס, סערוויס עיריעס און פארקינג עיריעס לענגאויס די סטעיט הייוועיס – שטיצן די סטעיט'ס באמיאונגען צו רעדוצירן אומאויפמערקזאמע דרייווען. אלע טעקסט סטאפס וועלן בלייבן אפן, צושטעלנדיג א פלאץ וואו דרייווערס קענען באקוועמערהייט און זיכערערהייט ניצן זייערע סעלפאָנס און אנדערע מאביל מכשירים פאר רופן, טעקסטן, נאוויגירן, און ניצן סעלפאָן עפּס. טעקסטן בשעת'ן דרייווען איז באזונדערס סכנות'דיג אזוי ווי עס פארלאנגט אז דרייווערס זאלן אראפנעמען זייערע אויגן פון די ראוד, די הענט פונעם רעדל און די קאפ פונעם דרייווען.

די טרו-וועי אויטאריטעט דערמאנט דרייווער אז 10 סערוויס געגנטער זענען פארמאכט און זענען אונטער קאנסטרוקציע אלס א טייל פון די $450 מיליאן איבער-דעוועלאפמענט פראיעקט.גאז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. דרייווערס קענען זעהן די סערוויס עיריעס און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרו-וועי אויטאריטעט'ס וועבזייטל און אויף דעם אומזיסטן מאביל עפּ.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן